**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/13/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 96 מיליאן דאלארדיגע האוזינג און קאנפערענץ צענטער דעוועלאפמענט אין די סיטי אָוו איטעקע

***פולשטענדיג-עלעקטרישע Asteri Ithaca רעכנט אריין 181 אפאָרדעבעל און שטיצנדע היימער, ערשט-קלאסיגע איטעקע שטאט-צענטער קאנפערענץ צענטער***

***בילדער זענען פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון די נייע 96 מיליאן דאלארדיגע Asteri Ithaca, אן אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט און קאנפערענץ צענטער אין די שטאט-צענטער פון איטעקע. דעוועלאפט דורך די Vecino Group, איז די 12-שטאקיגע הויכע געביידע א גאר ענערגיע-שפארזאמע, פולשטענדיג-עלעקטרישע געביידע וואס רעכנט אריין 181 אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 40 מיט אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס פאר מענטשן וואס ספראווענען זיך מיט היימלאזיגקייט. אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל געבויט אדער פרעזערווירט 1,000 אפאָרדעבעל היימער אין טאמפקינס קאונטי. אין צוגאב, וועט די 55,000 סקוועיר-פיסיגע, ערשט-קלאסיגע איטעקע שטאט-צענטער קאנפערענץ צענטער העלפן פאראויס טרייבן די שטאט'ס אנגייענדע עקאנאמישע וואוקס מיט פלעצער וואס קענען ארויסגענומען ווערן פאר פארשידענע צוועקן, אריינרעכענענדיג אן עקזעקיוטיוו באורד צימער, א גרויסע זאל, זייטיגע צימערן, פלאץ פאר גאסט אויפנאמע און א פולע פראדוקציע קיך.

"Asteri Ithaca איז א טראנספארמאטיווע דעוועלאפמענט וואס מישט אויס אפאָרדעבעל, ענווייראמענט-פריינטליכע און שטיצנדע אפארטמענטס פון א הויכע קוואליטעט פאר די וואס נויטיגן זיך דערין דאס מערסטע, מיט אן ערשט-קלאסיגע קאנפערענץ צענטער וואס וועט אויפלעבן און אויפהייבן די גאנצע שטאט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע צוועקן איז פארזיכטיג פלאנירט געווארן אלס א דעסטינאציע פאר מענטשן צו וואוינען, ארבעטן און פארברענגען וואס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס און אדרעסירט א קריטישע נויט פאר האוזינג. עס איז א שיינענדע ביישפיל פון אונזער פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין פראיעקטן וואס פארשטערקערן קאמיוניטיס און טוישן לעבנס."

"די עפענונג פון די Asteri Ithaca וועט דינען אלס א באדייטנדע עקאנאמישע אנטוויקלונג טרייב קראפט, פארשטערקערנדיג איטעקע'ס עקאנאמיע דורכן צוציהען געשעפטן סיי לאקאל און סיי פון אינדרויסן פון דעם ראיאן, דאס אלעס בשעת'ן צושטעלן ווערזנטליכע אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג פאר שוואכערע ניו יארקער, שטיצנדיג זייער מעגליכקייט צו פארבעסערן זייער צושטאנד און אלגעמיינע עקאנאמישע וואוקס", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "די פולשטענדיג-עלעקטרישע פראיעקט ווייזט ארויס וויאזוי דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע צוועקן קען פאראויס רוקן ניו יארק'ס

ריינע ענערגיע ציהלן, פארזיכערנדיג מער ענווייראמענט-פריינטליכע, געזונטערע און לעבהאפטיגע לאקאלע קאמיוניטיס."

**סענאטאר טשארלס שומער האט געזאגט,** "פאר צו לאנג האט איטעקע נישט געהאט גענוג אפאָרדעבעל האוזינג און אויך נישט גענוג צוזאמקום פלעצער וואס ביזנעסער זעהען אלס קריטיש צו פארשטערקערן דעם ראיאן'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג. מיט די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט, טוהען מיר באקעמפן מיט דיביידע שוועריגקייטן מיטן פולן קראפט. איך בין שטאלץ צו אהערשטעלן 2 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג וואס האט ערמעגליכט צו אויפבויען די קאמפלעקס, צולייגן הונדערטע יוניטס פון אפאָרדעבעל האוזינג און אריינגיסן מיליאנען פון דאלארן אין די לאקאלע עקאנאמיע דורך די ערשט-קלאסיגע פארגעשריטענע, ענערגיע-שפארזאמע קאנפערענץ צענטער. היינט ווייזט איטעקע פאר דאס לאנד וויאזוי ערפינדערישע האוזינג לייזונגען קענען אויסקוקן פאר אונזערע שטעט. דאס איז די סיבה פארוואס איך האט געשטופט אזוי שטארק צו היטן אויף די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט, וואס האט געהאלפן צושטעלן די נויטיגע געלטער צו פארענדיגן דעם פראיעקט, און אזוי אויך די סיבה פארוואס איך וועל פארזעצן צו קעמפן עס צו אויסברייטערן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס ארבעט צו בויען אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, און צוזאמען וועלן מיר ווייטער ארבעטן צו זיכער מאכן אז יעדע פאמיליע אין איטעקע און אריבער די סטעיט האט צוטריט צו האוזינג."

**אפאָרדעבעל, שטיצנדע היימער פון א הויכע קוואליטעט**

די וואוינונגען חלק פון Asteri Ithaca נעמט אויף די אויבערשטע ניין שטאק פון די געביידע, און עס רעכנט אריין 78 סטודיאָו, 87 איין-שלאף-צימערדיגע, אכט צוויי-שלאף-צימערדיגע און אכט דריי-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס. די רענט איז גענוג ביליג פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען 80 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט זיך צו קענען ערלויבן.

איינוואוינער באקומען אומזיסטע אינטערנעט סערוויסעס, מיט יעדע יוניט אויסגעשטאט מיט די דראטן פאר G5 צוטריט, אריינרעכענענדיג ווייפיי ראַוטערס. איינריכטונגען רעכענען אריין א "הימל טעראסע" אויפן 12'טע שטאק, א דרויסנדיגע הויף, א דזשים און א קאמיוניטי צימער. עס איז דא א צימער צו וואשן וועש אויף יעדע שטאק און אינעווייניגע בייק סטארעדש אויף די אונטערשטע שטאק. די מזרח טייל פון די גרין סטריט פארקינג גאראדזש איז רענאווירט און פארברייטערט געווארן צו אריינרעכענען 350 פארקינג פלעצער, מיט פלעצער וואס די געביידע איינוואוינער וועלן קענען ליסן.

די ענערגיע-שפארזאמע, פולשטענדיג-עלעקטרישע געביידע שטופט פאראויס די סטעיט'ס ציהלן צו אנקומען צו 85 פראצענט פון קארבאן באלאנס ביז 2050. די אפארטמענטס האבן וואסער-שפארנדע פלאמבינג איינריכטונגען און פענסטער און אפלייענסעס וואס קומען נאך די Energy Star סטאנדארטן. אין צוגאב ערפילט די געביידע די סטאנדארטן פון די Energy Star o'EPA פראגראמען פאר הויכשטאקיגע אפארטמענט געביידעס און פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס נייע קאנסטרוקציע האוזינג פראגראם (New Construction Housing Program).

סטעיט און פעדעראלע פינאנצירונג פאר די 62 מיליאן דאלארדיגע וואוינונגען חלק פון די Asteri Ithaca רעכנט אריין 11 מיליאן דאלאר אין באנדס וועלכע זענען פערמאנענט פטור פון טעקס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 26.3 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 19.8 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR). ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) נייע קאנסטרוקציע - האוזינג פראגראם האט אויך צוגעשטעלט מער פון $650,000 אין צוגאבליכע פינאנצירונג.

די שטיצנדע אפּארטמענטס בענעפיטירן פון געלטער געשאנקען דורך די עמפּייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative) פאר Tompkins Community Action, Inc. וואס ווערט איבערגעגעבן ווערן דורך די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance). שטיצע סערוויסעס זענען דעזיינט צו שטיצן די מעגליכקייט פון מענטשן צו זיין אומאפהעניג מיט זאכן ווי לעבנס סקילס, פינאנציעלע קענטעניס, גרייטקייט פאר א דזשאב און אויפבויען סקילס און אזוי אויך צו צוריק פאראייניגן פאמיליעס.

**ערשט-קלאסיגע קאנפערענץ צענטער**
די ערשט-קלאסיגע קאנפערענץ צענטער פארמערט עקאנאמישע אקטיוויטעט, אריינרעכענענדיג דורכן זיין די גאסטגעבער דעם הערבסט פאר די געשעעניש צו אויסוועהלן געווינער אין די לעצטע שטאפל פון די Grow-NY עסנווארג, געטראנקען און אגריקולטור ביזנעס פארמעסט. דער 'עקסעלערעיטער' פראגראם וואס העלפט ארויס נייע ביזנעס לאדנט איין עסנווארג און אגריקולטור סטאַרט-אָפּס פון ארום די וועלט מיט א הויכע פאטענציאל פאר וואוקס זיך צו פארמעסטן פאר 3 מיליאן דאלאר אין סך הכל געווינס געלטער יעדעס יאר.

די איטעקע שטאט-צענטער קאנפערענץ צענטער פראיעקט איז ערווארטעט צו אריינגעמען איבער 50,000 באטייליגטע און צו אויפטרייבן 50 מיליאן דאלאר אין נייע שפענדונגען פון באזיכער און מיליאנען אין סטעיט און לאקאלע שטייערן אין לויף פון די קומענדיגע צוואנציג יאר. יערליך, ערווארט די קאנפערענץ צענטער צו אריינציהען נאך 6,500 באזיכער, און איבער 3,300 נעכט פון ארויסגעדינגענע צימערן. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו ברענגען אן עקאנאמישע בענעפיט פאר די ברייטערע טאמפּקינס קאונטי ראיאן, צוציהענדיג באזיכער דורכאויס די רואיגערע חודשים און דורכאויס די וויניגער פארנומענע טעג פון זונטאג ביז דאנערשטאג.

עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט שטיצט דעם 34 מיליאן דאלארדיגן קאנפערענץ צענטער פראיעקט מיט אן אינפראסטרוקטורישע גרענט פון ביז 5 מיליאן דאלאר.

פאראייניגטע שטאטן סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס ע. שומער און פאראייניגטע שטאטן סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האבן אהערגעשטעלט 2 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פאר די קאנפערענץ צענטער אלס טייל פון די פעדעראלע 'אַמניבאָס' פינאנצירונג פעקעדזש פאר פיסקאלע יאר 2022. דער קאמיוניטי פראיעקט פינאנצירונג (Community Project Funding) גרענט פון די פאראייניגטע שטאטן דעפּארטמענט פון האוזינג און שטאטישע אנטוויקלונג (U.S. Department of Housing and Urban Development) האט ערלויבט דעם פראיעקט צו אריינרעכענען די פולשטענדיג-עלעקטרישע קיך — די ערשטע פון די סארט.

אין צוגאב, האבן די סיטי אָוו איטעקע, דער טאמפּקינס קאונטי טוריזם פראגראם, די טאמפּקינס קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפּמענט אגענטור (Tompkins County Industrial Development Agency), פיר איטעקע שטאט-צענטער האטעלן (Ithaca Marriott on the Commons, the Canopy Hotel, Hilton Garden Inn און Hotel Ithaca) דורך די Tompkins Chamber Foundation און אזוי אויך די Downtown Ithaca Alliance צוגעשטעלט באדייטנדע פינאנציעלע שטיצע פאר די קאנפערענץ צענטער און פאר די רענאוואציע פון די איבערבלייבנדע טייל פון די גאראדזש.

שטייענדיג אויף 118-166 East Green Street, זענען Asteri Ithaca און די איטעקע שטאט-צענטער קאנפערענץ צענטער בלויז עטליכע מינוט צו גיין צופיס פון די Ithaca Commons, סיטי האָל, רעסטוראנטן, געשעפטן, מעדיצינישע אפיסעס און פראפעסיאנאלן אפיסעס. די דעוועלאפּמענט איז נאענט צו די Six-Mile Creek טרעיל, דעוויט פארק און צו די Cascadilla Gorge טרעיל. די

באַס טשאַנציע איז Ithaca Commons - Green Street o'Tompkins Consolidated Area Transit דערנעבן, און מער פון 10 באַס רוּטס שטעלן זיך אָפּ דאָרט.

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווערנער האקול איז פארפליכטעט צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער אפּאָרדעבּעל און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. Asteri Ithaca ערגענצט די גאווערנער'ס 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פּלאן וואס איז אויף די רעלסן צו בויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפּאָרדעבּעל היימער אריבער די סטעיט. מער ווי 40,000 היימען זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפּסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפּמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער.

לעצטער אוגוסט, האט גאווערנער האקול אנאנסירט דעם [האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס ( Pro-Housing Communities) פראגראם](). דאס האבן סערטיפיקאציע אלס א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי איז א תנאי פאר לאקאלע רעגירונגען צו קענען באקומען פון די ביז 650 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת. ביז היינט זענען מער פון 160 קאמיוניטיס שוין סערטיפייד געווארן, אריינרעכענענדיג די סיטי אָוו איטעקע, וועלכע איז געווען פון די ערשטע לאקאלע רעגירונגען צו סערטיפייד ווערן אין די סטעיט.

**NYS האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די סיטי אָוו איטעקע איז אפיציעל סערטפייד געווארן אלס איינס פון גאווערנער האקול'ס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס אין אפּריל — און אויב די ארבעט וואס קומט פאר דא ביז יעצט איז א סימן פון וואס וועט קומען אין די צוקונפט, קען יעדער זיין זיכער אז עס וועלן זיין מער ענווייראמענט-פריינטליכע, אפּאָרדעבּעל און שטיצנדע דעוועלאפּמענטס פאר אויסגעמישטע צוועקן ווי די 96 מיליאן דאלארדיגע Asteri Ithaca אין די שטאט'ס צוקונפט. די HCR איז אזוי שטאלץ צו זיין א חלק פונעם ברענגען די 181 נייע אפּאָרדעבּעל און שטיצנדע אפּארטמענטס צום לעבן. די קאמפּלעקס איז אן אמת'ע דעסטינאציע — פאר מענטשן וואס קומען צו קאנפערענצן און אנדערע געשעענישן און פאר ביזנעסלייט און אוודאי פאר די מענטשן וואס פאררופן די געבײדע זייער היים. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר אלע שותפים וואס האבן דאס געמאכט פאר א מעגליכקייט. מיר וואלטן נישט געקענט בעטן פאר א בעסערע תוצאה."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "די לעבהאפטיגע דעוועלאפּמענט מיט אויסגעמישטע צוועקן וועט בארייכערן די לאקאלע קאמיוניטי און ביישטייערן צו דעם ראיאן'ס עקאנאמישע וואוקס. די פארענדיגונג פון די Asteri Ithaca קאנפערענץ צענטער און אפּאָרדעבּעל האוזינג קאקמפּלעקס איז נאך א ביישפּיל פון די טראנספארמאטיווע השפעה וואס אונזערע סטראטעגישע אינוועסטירונגען האבן, סיי אין די סאוטערן טיער און סיי אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,**"די עפענונג פון Asteri Ithaca וועט צושטעלן פאר כראניש-היימלאזע ערוואקסענע מענטשן אין טאמפּקינס קאונטי די גאר-נויטיגע זיכערע און אפּאָרדעבּעל היימער מיט גרינגע צוטריט צו די וועזנטליכע סערוויסעס און שטיצע וואס זענען קריטיש זיי צו העלפן בליהען אין זייער קאמיוניטי. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטארקע שטיצע פון די עמפּייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו און פארן

אנערקענען – מיט רעכט – די כוח וואס שטיצנדע האוזינג האט מיטן זיין א סטאבילע יסוד פאר שוואכערע ניו יארקער וואס ערמעגליכט זיי צו ארומדרייען זייערע לעבנס כדי זיי זאלן קענען לעבן זיכערערהייט און בליהען אין זייערע קאמיוניטיס."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "די פולשטענדיג-עלעקטרישע דעוועלאפּמענט מיט אויסגעמישטע צוועקן ווייזט וויאזוי דאס אויסמישן ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע בויען פראקטיקן מיט ריינע און שפארזאמע ענערגיע אייגנשאפטן קען מאקסימיזירן די ווירקזאמקייט פון א געביידע און ברענגען לאנג-טערמיניגע איינגעשפארטע געלטער פון רעדוצירטע ענערגיע באנוץ. NYSERDA איז שטאלץ צו שטיצן דעם Asteri Ithaca פראיעקט וואס שטופט פאראויס מאדערנע, סטראטעגישע דעזיין וואס וועט פארמערן אפארדעביליטי פאר איינוואוינער בשעת'ן שאפן א געזונטערע און באקוועמערע סביבה צו וואוינען און ארבעטן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם, ראס ד. לעווי, האט געזאגט,** "די נייע קאנפערענץ צענטער ביי די Asteri Ithaca קאמפלעקס וועט שטיצן די באמיאונגען פון 'I LOVE NY' (איך האב ליב ניו יארק) און פון אונזערע לאקאלע שותפים צו שטופן פאר די אנגייענדע ערהוילונג און וואוקס פון ביזנעס טוריזם. ווען ביזנעס עקספּאָו און געשעפטליכע פלאנירער נעמען אין באטראכט די איטעקע שטאט-צענטער צענטער אלס א דעסטינאציע וואו צו אפהאלטן א באגעגעניש, וועלן באטייליגטע האבן א געלעגנהייט צו אנטדעקן אלע געוואלדיגע געלעגנהייטן וואס זענען דא אריבער די קאמיוניטי און דעם ראיאן, פון געוואלדיגע פלעצער צו עסן פרישע עסנווארג גראד פון די פארם און ערשט-קלאסיגע ווייַן גוטער ביז פאנאראמישע פלעצער צו קעמפען און הייקן און פאמיליע-פריינטליכע מוזעאומס און א רייכע היסטאריע. נייע זאלן ווי די איטעקע שטאט-צענטער קאנפערענץ צענטער באגרוסן נייע רייזנדע און מאכן דאס גרינג פאר נאך אפילו מער מענטשן צו ליב האבן ניו יארק."

**סטעיט סענאטארשע ליע וועב האט געזאגט,** "אפּאָרדעבעל האוזינג, עקאנאמישע אנטוויקלונג און געלעגנהייטן צו אריינציהען די קאמיוניטי זענען הויפט פריאריטעטן אין אונזער ראיאן. א דאנק פאר די Vecino Group, די סיטי אָוו איטעקע, טאמפּקינס קאונטי, די טאמפּקינס קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפּמענט אגענטור און די Downtown Ithaca Alliance פאר אלע אייער אויסערגעווענטליכע ארבעט ביים ברענגען די Asteri Ithaca אפּאָרדעבעל האוזינג און קאנפערענץ צענטער צו ווערן א מציאות. די דעוועלאפּמענט איז נישט בלויז א געביידע — עס איז ווי א רעטונג שטריק פאר אונזער קאמיוניטי, אפפערנדיג 181 אפּאָרדעבעל אפּארטמענטס אין א גאר ענערגיע-שפארזאמע, פולשטענדיג-עלעקטרישע סביבה. מיט 40 היימער אוועקגעלייגט פאר די וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס, שטעלט איר צו זעלבסטשטענדיגקייט און סטאביליטעט פאר אזויפיל מענטשן. די קאנפערענץ צענטער וועט צושטעלן אריינגעבויטע פלאץ פאר געשעענישן אין אונזער ראיאן און סטעיט. אייער חזון און איבערגעגעבנקייט צו ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגקייט און אריינגעמונג פון יעדן זענען לויבווערדיג, און מיר זענען דאנקבאר פאר אייערביישטייערונג צו איטעקע."

**אסעמבלי מיטגלידערין אנא קעלעס האט געזאגט,** "דער Asteri פראיעקט וועט האבן ווייט-גרייכנדע פאזיטיווע געזעלשאפטליך-עקאנאמישע השפעות פאר איטעקע איינוואוינער אין יעדע עקאנאמישע מצב. אונזער נויט פאר אפּאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג אין איטעקע איז גאר טיף. דער פראיעקט מיט אויסגעמישטע צוועקן העלפט אונז זיך פאראויס רוקן אויף די לאנגע וועג צו אנקומען צו גענוג אפּאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג, דורכן צושטעלן 181 נייע אפּאָרדעבעל יוניטס און 40 יוניטס געהאלטן פאר מענטשן וואס נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס. די קאנפערענץ צענטער פילט אן א לאך אין די קאמיוניטי פאר א פלאץ זיך צוזאמצוקומען, און עס וועט באדייטנד פארמערן טוריזם אינמיטן די וואך צו פארשטערקערן אונזערע לאקאלע טעגליכע און נאכטליכע שטאט צענטער עקאנאמיעס, ברענגנדיג די גאר נויטיגע סטאביליטעט פאר ארבייטער אין די גאסטגעבונג אינדוסטריע. די ענערגיע-שפארזאמע, פולשטענדיג-עלעקטרישע געביידע וועט אויך העלפן אונז ברענגען נאענטער צו די ציהלן פון

דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ( Climate Leadership and Community Protection Act) צו אנקומען צו קארבאן באלאנס ביז 2050. עס איז געווען א לאנגע רייזע ביז אהער, און איך בין אזוי דערפרייידט צוק ענען פייערן די פארענדיגונג און עפענונג מיט די גאנצע קאמיוניטי."

**טאמפקינס קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער, דען קליין, האט געזאגט,** "טאמפקינס קאונטי האט אינוועסטירט אין דעם פראיעקט דורכן ווידמען א חלק פון אירע האטעל שטייער איינקונפטן צו זיין אן אנגייענדע פינאנצירונג מקור. דער פראיעקט שטעלט צו האוזינג און דזשאבס אין די שטאט-צענטער פון איטעקע, און עס וועט צוציהען פילע באזיכער צו טאמפקינס קאונטי."

**איטעקע מעיאר ראבערט קאנטעלמאָו האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו פייערן די פארענדיגונג פון Asteri Ithaca און די איטעקע שטאט-צענטער קאנפערענץ צענטער. די אייגנארטיגע צוזאמענארבעט ברענגט אפאָרדעבעל האוזינג צו די הארץ פון אונזער קאמיוניטי, ארויסהייבנדיג אונזער שטאט'ס טיפע איבערגעגעבנקייט צו גערעכטיגקייט און אריינגעמונג. דער פראיעקט איז באשיינט דורך צפון אמעריקע'ס ערשטע פולשטענדיג-עלעקטרישע קאנפערענץ צענטער, און עדות איבער די קאמיוניטי'ס אינוועסטירונג אין א גרינע, ענווייראמענט-פריינטליכע און אריינגעמנדע צוקונפט. אין נאמען פון די שטאט, בין איך אזוי דאנקבאר פאר אונזערע לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע שותפים פארן אויספירן דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די Downtown Ithaca Local Development Corporation, סוזען סמיט דזשאבלאָנסקי, האט געזאגט,** "נאך צען יאר פון שעפערישע און ערפינדערישע צוזאמענארבעט צווישן קאמיוניטי שותפים, זענען מיר באגייסטערט צו פייערן די פייערליכע עפענונג פון דעם איטעקע שטאט-צענטער קאנפערענץ צענטער פראיעקט די וואך. מיר זענען דאנקבאר פאר די לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע באאמטע און אגענטורן וועלכע האבן פארשטאנען אונזער חזון פאר דעם וויכטיגן טוריזם עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקט, וועלכער איז ערווארטעט צו אויפטרייבן נאענט צו 150 מיליאן דאלאר אין נייע דירעקטע און אומדירעקטע שפענדונגען אין אונזער קאמיוניטי אין לויף פון די קומענדיגע צוואנציג יאר."

**פארשנעלערן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין די סאוטערן טיער**

די הייגטיגע אנאנסירונג רוקט פאראויס די 2023 סאוטערן טיער סטראטעגישע פלאן, און עס ערגענצט די "Southern Tier Soaring" (סאוטערן טיער - זיך אויפהייבנדיג) סטראטעגיע דורכן פלעגן עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלענער קאנצעטרירן זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטפולע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און פאראויס טרייבן נייע פארגעשריטענע ערפינדונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן